ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# תמורה

בלשון הקודש
ואידיש

233

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
## מסכת תמורה

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי וירושלמי, הנמצאות במסכת תמורה

עם פירוש רש״י בשלמותו והחדושים שנתוספו בו, ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.

גם איזה מאמרים מתוספות מהרש״א, הרי״ף, ועיון יעקב.

גם ציוני הדפוס בש״ס, וציוני המקראות בתנ״ך, והגהות הב״ח.

ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.

**נעתק על ידי ה״ר יוסף מאיר יעב״ץ**

**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

**הוצאת אמונה**

ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ״ו לפ״ק

את הדברים האלה אשר עשית על המזבח בבית אל וכי מה טיבו של יאשיהו בבית אל אלא כשהחזירן ירמיהו יאשיה מלך עליהם רב נחמן בר יצחק אמר מהכא (הושע ו) גם יהודה שת קציר לך בשובי שבות עמי :

ונתחייבו במעשר : (מה טיבו של יאשיהו בבית אל . והלא בית אל ממלכי ישראל היה ויאשיהו מלך יהודה היה כשהחזיר ירמיה לישראל מהגולה) : קציר . קצין דגו"ן מתחלפת בכי"ם כדכתיב נבוכדנאצר נבוכדראצר :

## סליק מסכת ערכין

## מסכת תמורה פרק ראשון

(דף ג) **א אמר** רב אידי בר אבין אמר רב עמרם א"ר יצחק אר"י רבי יהודה אומר משום ריה"ג כל לא תעשה שבתורה עשה בו מעשה לוקה לא עשה בו מעשה פטור חוץ מנשבע ומימר ומקלל חבירו בשם אע"פ שלא עשה מעשה חייב משום ר' יוסי בר"ח אמרו אף המקדים תרומה לבכורים נשבע מנ"ל א"ר יוחנן משום רשב"י אמר קרא (שמות כ) כי לא ינקה ה' את אשר ישא את שמו לשוא ב"ד של מעלה (ע"ב) אין מנקין אותו אבל ב"ד של מטה מלקין ומנקין אותו א"ל רב פפא לאביי ואימא לא תיהוי ליה נקיות כלל א"ל א"כ לכתוב קרא

נשבע. מנ"ל דלוקה : נקיות כלל . דאין מלקין אותו ב"ד של מטה :

---

יאשיהו אין בית אל. נאר ווען ירמיה האט צוריק גיקערט די יודען פון גלות האט יאשיהו אויף זיי געקיניגט. רב נחמן בר יצחק זאגט פון דעם פסוק גם יהודה שת קציר לך בשובי שבות עמי. דער ווארט קציר איז גלייך וויא עס וואלט גישטאנען קצין (אפירשט). זאגט דער פסוק ווען איך וועל צוריק קערין די צוריק קערונג פון מיין פאלק דער מלך וואס קומט ארויס פון שבט יהודה וועט זיין אמלך אויף אלע יודען. אויף די צעהן שבטים אויך :

## פרק ראשון

**א** אמר. רב אידי בר אבין האט ג'זאגט פון רב עמרם וועגין אז רבי יצחק האט גיזאגט פון רבי יוחנם וועגין אז רבי יהודה האט גיזאגט פון רבי יוסי הגלילים וועגין אלע זאכען וואס עס שטייט אין דער תורה מען זאל דאס ניט טאהן. אונ ער האט יא גיטאהן. שלאגט מען איהם מלקות. אבער אז די תורה האט פאר באטין אזאך אונ אין דער זאך איז ניט דא קיין טוהאכין. למשל די תורה הט גיזאגט מען זאל ניט ריידען רכילות. אונ ער הט יא גירעט. קומט איהם ניט קיין מלקות. נאר אז איינער שווערט פאלש. אדער ער האט גיזאגט אויף איין בהמה זי זאל זיין אקרבן. דער נאך זאגטיער די בהמה זאל זיין אומגיטאהשט אויף איין אנדער בהמה. אונ די אנדערע בהמה זאל זיין אקרבן אונ די ערשטע בהמה זאל שוין ניט זיין הייליג. אדער ער פלוכט דעם חבר מיט דעם נאמען פון גאט. אפילו ער האט דאך דא גאר ניט גיטאהן. ער האט נאר גירעט. פון דעסטוועגין קומט מען זאל איהם שלאגין מלקות. פון רבי יוסי ברבי חנינאס וועגין האט מען גיזאגט אז איינער גיט תרומה צום כהן איידער ער הט נאך גיבריינגט בכורים. קומט אויך מען זאל איהם שלאגין מלקות. פרעגט דיא גמרא פון וואנען וייסען מיר אז אויף פאלש שווערין קומט מלקות. האט רבי יוחנן גיזאגט פון רבי שמעון בן יוחאיס וועגין עס שטייט אין פסוק גאט וועט ניט ריין לאזען דעם מענטש וואס ער וועט שווערין ביי זיין נאמען פאלש. דער בית דין וואס אויף דעם הימעל וועלין איהם ניט ריין לאזען פון די עבירה אבער דער בית דין וואס דא אויף דער ערד שלאגין איהם מלקות אונ ער ווערט ריין פון די עבירה. האט רב פפא גיזאגט צו אביי טאמער מיינט דיא תורה ער זאל גאר ניט ריין ווערין פון דיא עבירה. פון דעם בית דין וואס אויף דער ערד אויך ניט. האט אביי גיז גט אויב דער

פסוק

קרא לא ינקה ולשתוק ה' למה לי ב"ד של מעלה הוא דאין מנקין אותו אבל ב"ד של מטה מלקין ומנקין אותו:

**ב המקלל** את חבירו בשם מנ"ל א"ר אלעזר א"ר אושעיי אמר קרא (דברים כח) אם לא תשמור וכתיב (שם) והפלא ה' את מכותך הפלאה זו איני יודע מהו כשהוא אומר (שם כה) והפילו השופט והכהו לפניו הוי אומר הפלאה זו מלקות איכא אפילו שבועת אמת בהדיא כתיב (שמות כב) שבועת ה' תהיה בין שניהם איכא ה"מ לפיים את חבירו אבל מילקא לילקי לא מצית אמרת דהא כתיב (דברים ו) ובשמו תשבע ההוא מיבעי ליה לכדאמר רב גידל אמר רב מנין שנשבעין לקיים את המצוה שנאמר (תהלים קיט) נשבעתי ואקימה לשמור משפטי צדקך הא כתיב קרא אחרינא ובו

אם לא תשמור לעשות וגו' עד ליראה את ה' ביתירא בלא להוציא את השם לבטלה וכן מקלל את חבירו בשם מוציאו לבטלה וכתיב והפלא ה' את מכותך פיתול מכות והיינו מלקות: אפילו שבועת אמת. דקא מזהר קרא דאפילו שבועות אמת לא ליעבד כו"ב ואי עביד והפלא פיתול מלקות: בהדיא כתיב: דברי למעבד: לפיים חבירו. שלא יהא תובעו ממון אבל מילקא לילקי הואיל ומביא עצמו לידי שבועה: ובשמו תשבע. דשבועת אמת שריא למעבד: לקיים המצות. כדי שלא יוכל לחזור בו: שנאמר נשבעתי ואקימה וגו'. ואהכי מיצטריך האי קרא ובשמו תשבע לאשמועינן דנשבע לקיים את המצוה מותר: הא כתיב קרא אחרינא ובשמו תשבע. חד בולאתקן וחד כותיס עקב חד מיבעי ליה דנשבע לקיים את המצוה וחד לשבועות אמת: הלא למאי

---

פסוק מיינט אזוי. זאל שטיין אין פסוק כי לא ינקה את אשר ישא את שמו לשוא ער וועט ניט ריין לאזין דעם וום וועט שווערין פאלש ביים זיין נאמען. צו וואס שטייט דער ווארט גאט. כי לא ינקה יי׃ צו זאגין אונז אז נאר דער בית דין וואס אין הימעל וועלין איהם ניט ריין לאזין. אבער דער בית דין וואס דא אויף דער ערד שלאגין איהם מלקות אונ מאכען איהם ריין פון דיא עבירה:

**ב** המקלל. אז איינער פלוכט זיין חבר מיט דעם נאמען פון גאט פון וואנען ווייסין מיר אז איהם קומט מלקות׃ האט רבי אלעזר גיזאגט פון רבי אושעיאם וועגין עס שטייט אין פסוק אויב דוא וועסט ניט היטען מורא צו האבען פאר דעם נאמען פון גאט ודוא זאלסט איהם ניט ארויס ריידען אומזיסט. ווען דוא דארפסט ניט. אונ צו פלוכין דעם חבר מיט דעם נאמען פון גאט געווים ניט] . והפלא יי את מכותך. דעם ווארט הפלאה ווייסען מיר ניט וואס מען מיינט. אז עס שטייט אין פסוק והפילו השופט והכהו לפניו [דער דיין זאל הייסין מען זאל דעם מענטש לייגין אונ מען זאל איהם שלאגין מלקות. איז דער ווארט הפלאה אויך דער טייטש אזוי וויא והפילו׃ אום ווארפין דעם מענטש צו שלאגין איהם מלקות. פרעגט דיא גמרא טאמער מיינט דער פסוק אפילו מען שווערט אמתה שבועה ביי דעם נאמען פון גאט קומט אויך מלקות. ענפערט די גמרא אין די תורה שטייט אז מען מעג שווערין אמתה שבועה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא שבועה פון גאט זאל זיין צווישען זיי ביידע. פרעגט דיא גמרא טאמער האט נאר די תורה גיהייסען שווערין איבער צו בעטין זיין חבר ער זאל איהם ניט מער מאנען דאס געלט וואס ער מאנט איהם. אבער פון דעסטוועגין קומט איהם מלקות אויף דר שבועה. ענפערט דיא גמרא מען קען ניט אזוי זאגין. ווארום עס שטייט אין פסוק מיט זיין נאמען מעגסטו שווערין [אויב עס איז נאר אמת] . פרעגט דיא גמרא דעם פסוק דארף מען דאך אזוי ווי רב גידל האט גיזאגט פון רבם וועגין פון וואנען ווייסין מיר אז מען דארף שווערין צו מקיים זיין אמצוה. ווארום עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט גיזאגט איך האב גישווארין אונ האב מקיים גיווען צו היטען דיינע פרומע גירעכטיגקייט [אונ פון וואנען האט גיוואוסט דוד אז מען מעג שווערין צו מקיים זיין אמצוה. ווייל עס שטייט אין דער תורה אונ מיט זיין נאמען זאלסט דוא שווערין] . אבער פון וואנען ווייסען מיר אז מען מעג שווערין אמת אפילו ניט צו מקיים זיין אמצוה. ענפערט די גמרא עס שטייט נאך אפסוק דוא זאלסט דיך בהעפטין מיט גאט אונ מיט זיין נאמען זאלסטו שווערין [אאמתה שבועה אפילו ניט צו מקיים זיין אמצוהו. נאר ווען מיינט דער פסוק דוא זאלסט מורא האבין פאר דעם נאמען פון גאט, ודוא זאלסט מיט

איהם

(דברים י') ובו תדבק ובשמו תשבע אלא למאי אתא לאתויי למקלל את חבירו בשם :

אתא . כלומר מה לה תמור וגו' : למקלל את חבירו בשם . דודאי לקי אע"ג דלא עביד מעשה :

## יש בקרבנות פרק שני

(דף יד) **א** כי סליק רב דימי אשכחיה לרב ירמיה דיתיב וקאמר משמיה דר' יהושע בן לוי מנין לנסכים הבאים עם הזבח שאין קרבים אלא ביום ת"ל (במדבר כט) ולנסכיכם ולשלמיכם מה שלמים ביום אף נסכים ביום אמר אי אשכחיה דכתיב איגרתא שלחיה לרב יוסף וכו' (ע"ג) ואי הוה ליה איגרתא מי אפשר למישלחא והא א"ר אבא בריה דר' חייא בר אבא א"ר יוחנן כותבי הלכות כשורפי התורה והלומד מהן אינו נוטל שכר ודרש ר' יהודה בר נחמני מתורגמניה דריש לקיש כתוב אחד אומר (שמות לד) כתב לך את הדברים האלה וכתוב אחד אומר (שם) כי על פי הדברים האלה לומר לך דברים שבעל פה אי אתה רשאי לאמרם בכתב ושבכתב אי אתה רשאי לאמרם על פה ותני דבי ר' ישמעאל כתב לך את הדברים האלה אלה אתה כותב אבל אי אתה כותב הלכות אמרי דילמא מלתא חדתי שאני דהא ר' יוחנן ור"ל מעייני בספרא דאגדתא בשבתא ודרשו הכי

עת

---

איהם ניט שווערן פאלש . אונ דוא זאלסט ניט פלוכען דיין חבר מיט דעם נאמען פון גאט :

## פרק שני

**א** כי . אז רב דימי איז אויף גיגאנגען אין ארץ ישראל האט ער גיטראפען אז רב ירמיה זיצט אונ זאגט פון רבי יהושע בן לוים וועגין פון וואנען ווייסען מיר אז די וויין וואס ווערט גיגאסען אויף דעם מזבח מיט דעם קרבן . ווערין זיי אנדערש ניט גיגאסין נאר ביי טאג . שטייט אין פסוק ולנסכיכם ולשלמיכם . אזוי וויא שלמים טאר מען אנדערש ניט מקריב זיין נאר ביי טאג . אזוי די וויין טאר אויך אנדערש ניט גיגאסען ווערין אויף דעם מזבח נאר ביי טאג . האט רב דימי גיזאגט אז איך וואלט גיפינען אמענטשין וואס זאל מיר שרייבען אבריף וואלט איך איהם געשיקט צוא רב יוסף . פרעגט דיא גמרא אונ אז רב דימי וואלט שוין גיהאט אבריף וואלט ער דען איהם גיקענט שיקען צו רב יוסף . ווארום רבי אבא דער זוהן פון רבי חייא בר אבא האט גיזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגין דיא וואס שרייבין דינים איז גלייך ווי זיי וואלטין פארברענט די תורה . אונ דער וואס לערונט פון די געשריבענע דינים נעמט ער גיט קיין שכר פאר זיין לערנען . אונ רבי יהודה בר נחמני דער מתורגמן פון ריש לקיש הט גידרשת אין איין פסוק שטייט גאט האט גיזאגט צו משה דו זאלסט שרייבען די רייד . אונ אין אנדערין פסוק שטייט כי על פי הדברים האלה . דורך דיא רייד וואס ווערט גיזאגט אויסווייניג האב איך מיט דיר כורת ברית גיוועזן · די צוויי פסוקים לערנען אונז די זאכען וואס זענען גיזאגט גיווארען אויסווייניג טאר מען זייא ניט שרייבען אונ ניט זאגין פון דאס געשריבענע . אונ דיא זאכען וואס זענען געשריבען גיווארין טאר מען זיי ניט זאגין אויסווייניג . נאר מען מוז זיי זאגין פון דם געשריבענע · אונ דבי רבי ישמעאל האבען גילערונט עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט דיר שרייבין די רייד : די רייד קענסטו שרייבין . אבער דינים טארסטו ניט שרייבין . איז דאך אקשיא אויף רב דימי: האט רב דימי גיענפערט אנייעם דין מעג מען שרייבין . ערשטינס עס זאל ניט פארגעסין ווערין· אונ צווייטינס אז עס וועט זיין געשריבען וועלין אלע קענען וויסען דעם דין . ווארום רבי יוחנן אונ ריש לקיש האבין גילערונט אום שבת אין אספר אגדות (וואס ער איז גיוועזן געשריבען) : אונ זיי האבין אזוי גידרשת עס שטייט אין פסוק עס איז אמאהל אצייט צו טאהן פאר גאטס וועגין אונ מען זאל שטערין די תורה . רבי יוחנן אונ ריש לקיש האבין גיזאגט עס איז בעסער עס זאל אויס געריסען ווערין איין דין פון די תורה . נאר דיא גאנצע תורה זאל ניט פר געסין

ווערין

(תהלים קיט) עת לעשות לה' הפרו תורתך אמרי מוטב תיעקר תורה ואל תשתכח תורה מישראל :

ב מי איכא למ"ד דנזיר לאו נידר ונידב הוא והכתיב (ש"ב טו) ויהי מקץ ארבעים שנה ויאמר אבשלום אל המלך אלכה נא ואשלם את נדרי אשר נדרתי לה' בחברון כי נדר נדר עבדך וגו' מאי לאו אקרבן לא אעיקר נדרו קאמר. עיקר נדרו בחברון הוה והלא בגשור הוה אמר רב אחא ואיתימא רבה בר רב חנן לא הלך אבשלום אלא להביא כבשים מחברון הכי נמי מסתברא דאי תימא לאקרובי הוא דאזיל שביק ירושלים ואזיל ומקריב בחברון ואלא מאי להביא כבשים מחברון האי אשר נדרתי לה' בחברון מחברון מיבעי ליה אלא לעולם לאקרובי ודקא קשיא לך אמאי שביק ירושלים ומקריב בחברון תיקשי לך גבעון דמקים קדוש הוא אלא כיון

אמר. רב דימי: אי אשכחיה. אם הייתי מוצא הדבר הייתי כותב אגרת והייתי שולח לרב יוסף לבבל: כתובי התורה. באין מלמדין אותן בכתב מפני בדליקה. ל"א שאסור לשמוע כתובים דתורה שבע"פ בית: והנמד מהן. מתוך הספרים: הדהי. הדפים שלא היו יודעים לתקן הבריתות חדשי לחדש דבר כגון זו בחדשה בית: מעייני בספרת דאגדתא. בלא יבהבהו : עת לעשות לה'. כשעושין הדבר לשם קדושה כ' דהוי להפר תורתך : אשר נדרתי לה' בחברון. משמע בחברון אלך ואשלמה את נדרי והוא נדר נזירות היה דאבשלום נזיר עולם היה ומשלשים לשלשים יום היה מגלח ומביא קרבן ומהלך להקריב קרבנות נזירותיו בחברון דהיא במת יחיד שמע מינה נדר ונידב הוא : לאו עיקר נדרו קאי. כלומר דהכי פירושו וה"ק אלכה נא לבמה גדולה בגבעון דהתם הות היכה בשעה ההיא ואשלמה נדרי שנדרתי בחברון אבל לא שיביא הקרבן בחברון : והא בגשור וכו'. דכתיב כי נדר נדר עבדך בשבתי בגשור וגו' : להביא כבשים. ולהקריבם שם בבמה גדולה וה"ק אשלמה את נדרי כלו' השלמה את נזירותי ואגלח ומחברון אביא הכבשים ולהכי פריך מחברון מיבעי ליה : בחברון. בו כבשים במנים במסכת מנחות : אלא לעולם לאקרובי. דנזירות בבמת יחיד : תקשי לך גבעון.

---

וועֶרין וְדָאס מֵיינְט מֶען עֶס אִיז בֶּעסֶער מֶען זָאל שְׁבַּיינֶען דִי תּוֹרָה ווָיס מֶען בַּארְף לֶערְנֶען אוּיס ווֵיינִיג : דִי תּוֹרָה זָאל נִיט פַר גֶעסִין וְוֶערִין:

ב מִי. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא אִיז דֶען דָא אֵיינֶער וָואס זָאל זָאגֶען אַז אַנָזִיר הֵייסְט נִיט אַנֶּדֶר אוּנ נִיט אַנְדָבָה. עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק אוּנ עֶס אִיז גִיוֶועִן צוּם סוֹף פֶערְצִיג יָאהר הָט אַבְשָׁלוֹם גְזָאגְט צוּם מֶלֶךְ אִיךְ ווֶעל גֵייען אוּנ ווֶעל בְּצָאהלֶען מֵיין נֶדֶר ווָאס אִיךְ הָאב אַנֶּדֶר גִיטָאהן צוּא גָאט אִין חֶבְרוֹן ווָארים דַיין קְנֶעכְט הָאט אַנֶּדֶר גִיטָאהן. הָאט מֶען אִיצְט גִילֶערְנְט וָואס אַבְשָׁלוֹם הָאט גְזָאגְט אִין חֶבְרוֹן מֵיינְט עֶר אִין חֶבְרוֹן ווֶעל אִיךְ בְּצָאהלֶען דֶעם נֶדֶר. ווָארוּם דֶער נֶדֶר ווָאס אַבְשָׁלוֹם הָאט גִיטָאהן אִיז דָאס גִיוֶועִן עֶר זָאל זַיין אַנָזִיר. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אִין חֶבְרוֹן צוּא מַקְרִיב זַיין דִיא קָרְבָּנוֹת פוּן זַיינֶע נְזִירוֹת. אוּנ ווַייל אִין חֶבְרוֹן אִיז נָאר גִיוֶועִן אַבָּמָה אוּנ אוּיף אַבָּמָה טָאר מֶען מֶער נִיט מַקְרִיב זַיין נָאר נְדָרִים אוּנ נְדָבוֹת. גְעווִיס אִיז דִיא קָרְבָּנוֹת פוּן אַנָזִיר אוֹיךְ אַנֶּדֶר אָדֶער אַנְדָבָה. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא אִין חֶבְרוֹן מֵיינְט מֶען עֶר הָאט גִיטָאהן דֶעם נֶדֶר אִין חֶבְרוֹן. אוּנ אַזוֹי הָאט אַבְשָׁלוֹם גְזָאגְט אִיךְ ווֶעל גֵייען אִין גִבְעוֹן מַקְרִיב זַיין קָרְבָּנוֹת אוּיף דִי גְרוֹיסֶע בָּמָה ווָאס דָארְט מֶעג מֶען מַקְרִיב זַיין אַלֶע עֶרְלֵיי קָרְבָּנוֹת אוּנ אִיךְ ווֶעל בְּצָאהלֶען מַיין נֶדֶר ווָאס אִיךְ הָאב אַנֶּדֶר גִיטָאהן אִין חֶבְרוֹן. אוּנ ווַייל עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען מַקְרִיב זַיין דִיא קָרְבָּנוֹת פוּן נְזִירוֹת אִין גִבְעוֹן. אִיז דָאךְ נְזִירוֹת נִיט אַנֶּדֶר אוּנ נִיט אַנְדָבָה. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא אִיז דֶען גִיוֶועִן דֶער נֶדֶר פוּן אַבְשָׁלוֹם אִין חֶבְרוֹן. דֶער נֶדֶר אִיז דָאךְ גִיוֶועִן אִין גְשׁוּר. הָאט רַב אַחָא גְזָאגְט אַנְדֶערֶע זָאגֶען רַבָּה בַּר רַב חָנָן הָאט גְזָאגְט אַבְשָׁלוֹם אִיז נָאר גִיגַאנְגֶען אִין חֶבְרוֹן צוּ קוֹיפֶען פוּן דָארְט שֶׁעפְּסִין. אוּנ מַקְרִיב זַיין זָאל עֶר זֵיי אִין גִבְעוֹן אוּיף דִיא גְרוֹיסֶע בָּמָה. אוּנ מֶען זֶעהט אַז עֶס אִיז אַזוֹי. ווָארוּם אַז דוּא ווֶעסְט זָאגֶען עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אִין חֶבְרוֹן עֶר זָאל דָארְט מַקְרִיב זַיין דִיא קָרְבָּנוֹת. פַאר ווָאס הָט עֶר פַר לָאזְין יְרוּשָׁלַיִם אוּנ אִיז גִיגַאנְגֶען מַקְרִיב זַיין אִין חֶבְרוֹן. הָאט עֶר בֶּעסֶער בַּדַארְפְט מַקְרִיב זַיין אִין יְרוּשָׁלַיִם. פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא ווִי דֶען זָאגְסְטוּ עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אִין חֶבְרוֹן צוּ בְּרֵיינְגֶען פוּן דָארְט שֶׁעפְּסִין. פַר ווָאס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִיךְ הָאב אַנֶּדֶר גִיטָאהן צוּ גָאט בְּחֶבְרוֹן. אִין חֶבְרוֹן. אִין חֶבְרוֹן הָאט עֶר דָאךְ נִיט גִיטָאהן דֶעם נֶדֶר. אוּנ אִין חֶבְרוֹן אִיז עֶר נִיט מַקְרִיב דִיא קָרְבָּנוֹת. נָאר עֶר בְּרֵיינְגְט שֶׁעפְּסִין פוּן חֶבְרוֹן. דַארְף דָאךְ שְׁטֵיין מֵחֶבְרוֹן פוּן חֶבְרוֹן. עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא עֶר אִיז טַאקִי גִיגַאנְגֶען אִין חֶבְרוֹן עֶר זָאל אִין חֶבְרוֹן מַקְרִיב זַיין דִי קָרְבָּנוֹת. נָאר ווָאס אִיז דִיא קַשְׁיָא פַר ווָאס הָאט עֶר אַוֶועק גִילָאזְן אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּנ הָאט מַקְרִיב גִיוֶועִן אִין

כיון שהותרו הבמות כל היכא דבעי מקריב :

ג ארבעים שנה למאן תניא ר' נהוראי אומר משום ר' יהושע מקץ מ' שנה ששאלו להם מלך דתניא אותה שנה ששאלו להם מלך עשירית של שמואל היתה (דף טו) י' שנים מלך שמואל בעצמו שנה אחת שמלך שאול ושמואל ושתים שמלך שאול בעצמו ול"ז שמלך דוד :

(ע"ב) ד במתניתא תנא כל אשכולות שעמדו לישראל מימי משה עד שמת יוסף בן יועזר איש צרדה לא היה בהם שום דופי מכאן ואילך היה בהם שום דופי והתניא מעשה בחסיד אחד שהיה גונח מלבו ושאלו לרופאים ואמרו אין לו תקנה עד שיינק חלב רותח שחרית והביאו עז וקשרו ליה בכרעי מטתו והיה יונק כמנה חלב למחר נכנסו חבריו לבקרו כיון שראו עז אמרו ליסטים מזוין בהוך ביתו ואנו נכנסים לבקרו ישבו ובדקו ולא מצאו בו עון אלא של אותה העז בלבד ואף הוא בשעת מיתתו אמר יודע אני בעצמי שאין בי עון אלא

פירוש

דשם מזבח בעזרה משה :

דופי. קס"ד דופי של הלכה לא היה באשכולות שעמדו פרנסים על ישראל : גונח. גונק מכאב לבו כמו גונחי גנח דאמיה דכיכרא : לבסיה מזוין. נכמה דקא אין יכולין לשמרה והולכה ורועה בשדות אחרים : ורבנן. והא רבנן ר"י בר אלעאי ור"י בן בבא : בתר יוסף בן יועזר דרי דרי הוו. כלומר אחר יוסף בן יועזר היו אלו לאחר דורות הרבה וקתני דלא מצאו בהם עון אלמא לא היה בהם דופי: דופי של סמיכה. דעד יוסף ב"י לא נחלקו בסמיכה ולא בשום דבר בעדיין לא נתמעט הלב ולהכי נקט סמיכה דהיא היתה מחלוקת ראשונה שנחלקו בו חכמים בעולם ומיוסף ב"י ואילך היה בהן דופי של סמיכה שנחלקו בסמיכת שלמים בי"ט כדאמרינן בחגיגה שמאי אומר לסמוך והלל אומר

---

אין חברון איז דאך מער קשיא פאר וואס האט ער אוועק גיצאגען גבעון . וואס גבעון איז גיוועען דער הייליגסטער ארט . ווארום דארט איז גישטאנען דער מזבח וואס משה רבינו האט גימאכט . נאר וויל מען האט גימעגט מקריב זיין אקרבן אויף איין שטיין אויך . וואו מען האט גיוואלט האט מען מקריב גיוועען זענען גיוועען אלע ערטער גלייך :

ג ארבעים . עס שטייט אין פסוק צום סוף פערציג יאהר האט אבשלום גזאגט ער וועט גיין בצאהלען זיין נדר . פון וועלכער זאך איז גיוועען דיא פערציג יאהר . רבי נהוראי זאגט פון רבי יהושעס וועגין דאס איז גיוועען צום סוף פערציג יאהר וויא דיא יודען האבען גיוואלט עס זאל זיין אויף זיי אמלך . ווארום מיר האבען גילערונט דער יאהר וואס די יודען האבען אין אים גיוואלט עס זאל זיין אויף זיי אמלך . איז דאס גיוועען דער צעהנטער יאהר פון שמואל . צעהן יאהר האט שמואל אליין געקיניגט אויף דיא יודען . ופון דער צייט האבען די יודן גיוואלט אמלך . פון דער צייט דארפען מיר רעכענען דיא פערציג יאהר . איז אזוי גיוועען איין יאהר האט געקיניגט שאול אונ שמואל : ביידע צו זאמען . אונ צוויי יאהר האט שאול אליין געקיניגט . אונ זיבען אונ דרייסיג יאהר האט דוד געקיניגט אויף די יודען . ביי דער צייט האט אבשלום אן גהויבען צו וועלין זיין אמלך :

ד במתניתא . אין אברייתא האבען מיר גילערונט דיא אלע פירערס וואס זענען גיוועען אויף יודען פון משה רבינו ביז יוסף בן יועזר איש צרדה איז גישטארבען איז אויף זיי ניט גיוועען קיין דופי וקיין עבירהו . פרעגט דיא גמרא אויף דיא פירערס וואס זענען גיוועען נאך יוסף בן יועזר איז אויף אלע גיוועען עבירות . מיר האבען דאך גילערונט עס איז אמאהל גיוועען אחסיד וואס ער האט גיקרעכצט די הארץ טוהט איהם וויי . האט מען גיפרעגט ביי דאקטורים וואס מען זאל טאן . האבען די דאקטורים גזאגט ער האט ניט קיין אנדער היתר סיידין אלע פריה דארגין זאל ער זייגין פון אבהמה די הייסע מילך . האט מען גיברייננגט אקאזע אונ מען האט איר צו גיבונדען צו דיא פיס פון זיין בעט אונ ער האט גיזויגען פון איר דיא מילך . צו מארגין זענען גיקומען די חברים פון דעם חסיד זעהן וואס ער מאכט . וויא זיי האבען דער זעהן דיא קאזע האבען זייא גזאגט אגזלן איז דא ביי איהם אין שטוב וועלין מיר אריין גיין צו איהם ואקאזע איז אגזלן וויל זי עסט פון פרעמדע פעלדער אונ מען קען זיך ניט אפ היטען פון איהר . זענען דיא חברים גיזעסען אונ האבען גיזוכט דיא מעשים פון דעם חסיד אונ זייא האבין אויף אים ניט גיפינען קיין אנדער עבירה

בלא לסמוך : והא יוסף גופיה איפליג ביה . בגמ' חגיגה : דגריס ליתא . בהתעלם הלב בכוף במיתו נשתכחו :
במתו בעליה. בהפרישה ולא הספיק לקרבה עד שמת

אלא של אותה העז בלבד שעבירתי על דברי חבירי שהרי אמרו חכמים אין מגדלין בהמה דקה בא"י וקיי"ל כל היכא דאמרינן מעשה בחסיד אחד או ר' יהודה בן בבא או ר' יהודה בר אילעאי ורבנן בתר יוסף בן יועזר איש צרידה דרי דרי הוו (דף טז) א"ר יוסף דופי של סמיכה קתני והא יוסף בן יועזר גופיה מיפלג פליג בסמיכה כי איפליג בה בסוף שניה דבציר ליבא :

ה אמר רב יהודה אמר שמואל שלשת אלפים הלכות נשתכחו בימי אבלו של משה אמרו לו ליהושע שאל אמר להם (דברים ל) לא בשמים היא אמרו לו לשמואל שאל אמר להם (במדבר לו) אלה המצות שאין נביא רשאי להדש דבר מעתה א"ר יצחק נפחא אף חטאת שמתו בעליה נשתכחה בימי אבלו של משה אמרו לפנחס שאל אמר להם לא בשמים

---

עבירה נאר דיא איינע מיט דער קאזע . אונ דער חסיד אליין איידער ער איז געשטארבען האט ער גזאגט איך ווייס ביי מיר אליין אז איך האב ניט קיין עבירה . נאר דיא עבירה פון דער קאזע . וואס איך האב ניט געפאלגט מיינע חברים וואס זייא האבען גזאגט אז מען טאר ניט האלטען אקאזע אין שטוב . אזוי וויא עס שטייט אין דער משנה מען טאר ניט האדעווען קיין יונגע בהמות אין ארץ ישראל . אונ מיר האבען גילערנט וואו מען זאגט עס האט אמאהל גיטראפען אזאך ביי אחסיד . דער חסיד איז גיוועזן רבי יהודה בן בבא אדער רבי יהודה בר אילעאי . אונ דיא רבנן זענען דאך גיוועזן פילערס ביי יודען אין פיל יאהרען שפעטער נאך יוסף בן יועזר איש צרדה אונ זייא האבען אויך ניט גיהאט קיין עבירה . האט רב יוסף גזאגט דער וואורט דופי מיינט מען ניט עבירות . נאר מען מיינט סמיכה . אונ אזוי זאגט דיא גמרא פון משה רבינו ביז יוסף בן יועזר האט מען גיוואוסט אלע דינים ריכטיג אונ עס איז ניט גיוועזן קיין דופי נקיין קריגן דיא חכמים האבען נאר ניט געקריגט איינער מיט דעם אנדערן . נאר דער נאך וויא יוסף בן יועזר איז געשטארבען האבען שוין דיא חכמים אן גיהויבען צו קריגען אין דיא דינים . אונ דיא ערשטע קריג איז גיוועזן אין סמיכה נאז מען ברייננט אקרבן איידער מען שעכט אים דארף דער בעל הבית ארויף לייגען זיינע הענט אויף דעם קאפ פון דעם קרבן . האבען דיא חכמים געקריגט אויף דעם קרבן וואס מען ברייננט אום יום טוב זאל מען אויך ארויף לייגען דיא הענט אויף זיין קאפ אדער ניין . פרעגט דיא גמרא יוסף בן יועזר אליין האט דאך אויך געקריגט אין דעם דין פון סמיכה . ענטפערט דיא גמרא ער האט געקריגט אין זיינע לעצטע יאהרין ווייל דיא הערצער פון דיא חכמים וואס זענען גיוועזן אין זיינע לעצטע יאהרין זענען שוין וויניגער גיוועזן אין חכמה . איז שוין די תורה אביסעל פאר געסין גיווארין . דריבער האבען זייא געקריגט מיט איהם אין דעם דין פון סמיכה . דער נאך האט מען שוין געקריגט אין פיל דינים :

ה אמר . רב יהודה האט גזאגט פון שמואלס וועגין אין דיא דרייסיג טעג וואס די יודען האבען גיטרויערט אויף משה איז פון זייא פאר געסין גיווארען דריי טויזענד דינים . האבען די יודען גזאגט צו יהושע פרעג ביי גאט ער זאל דיר זאגען דיא פארגעסענע דינים . האט יהושע גזאגט דיא תורה איז שוין ניט אין הימעל . גאט וועט שוין נאך אמאהל ניט לערנען די תורה מיט קיין מענטש . האבען דיא יודען ניט געוואוסט דיא דינים ביז צו דער צייט פון שמואל הנביא . ווען שמואל הנביא איז גיוועזן האבען דיא יודען גזאגט צו שמואל הנביא פרעג דוא דיא פאר געסענע דינים . האט שמואל גיענטפערט עס שטייט אין דער תורה אלה המצות . דס זענען דיא מצות . אבער אנדערע מצות טארין ניט זיין . אנביא טאר ניט זאגען נייע מצות וואס שטייט ניט אין דער תורה :

רבי יצחק נפחא האט גזאגט אז איינער האט אפ גישיידט אבהמה אונ ער האט גזאגט

בשמים היא א"ל לאלעזר. שאל אמר להם אלה המצות שאין נביא רשאי לחדש דבר מעתה. אמר רב יהודה אמר רב בשעה שנפטר משה רבינו לג"ע א"ל ליהושע שאל ממני כל ספקות שיש לך א"ל רבי כלום הנחתיך שעה אחת והלכתי למקום אחר לא כך כתבת בי (שמות לג) ומשרתו יהושע בן נון נער לא ימיש מתוך האהל מיד תשש כחו של משה (פ"א יהושע) ונשתכחו ממנו ש' הלכות ונולדו לו ת"ש ספקות ועמדו כל ישראל עליו להרגו א"ל הקב"ה לומר לך אי אפשר לך וטורדן במלחמה שנאמר (יהושע א) ויהי אחרי מות משה ויאמר ה' וגו' במתניתא תנא אלף ות"ש ק"ו גזרות שוות ודקדוקי סופרים נשתכחו בימי אבלו של משה אמר ר' אבהו אעפ"כ החזירן עתניאל בן קנז מתוך פלפולו שנאמר (שם טו) וילכדה עתניאל בן קנז אחי כלב ויתן לו את עכסה בתו לאשה ולמה נקרא שמה עכסה א"ר יוחנן שכל הרואה אותה　כועס

אם תקרב אם נאו : תשש כחו של משה. נקטער על שכיב גדול כמותו : ועמדו כל ישראל להרגו. עד שיאמר להם : ודקדוקי סופרים. כגון דאמרינן ט"ו נשים פוטרות צרותיהן י"ג דברים נאמרו בנבלת עוף טהור מנלוס יחד שלא ישתכחו והוזהם שלא מנוהם יחד כולו נשתכחו בימי אבלו של משה : וילכדה עתניאל. לקרית ספר ומאי קרית ספר הלכות : כועס על אשתו. מגוב יפיה של

---

דיא בהמה זאל זיין אקרבן חטאת אויף דיא עבירה וואס איך האב גיטאהן. אונ דער מענטש איז גישטארבען. זאל מען מקריב זיין דעם חטאת אדער ניין. דער דין איז אויך פאר געסין גיווארען אין דיא צייט וואס מען הט גיטרויערט אויף משה. האבען דיא יודען גזאגט צו פנחס פרעג ביי גאט ער זאל דיר זאגען דעם דין. האט פנחס גיענפערט אזוי וויא יהושע דיא תורה איז שוין ניט אין הימעל. האבען דיא יודען גזאגט צו אלעזר פרעג ביי גאט ער זאל דיר זאגען דעם דין. האט אלעזר גזאגט עס שטייט אין דער תורה אלה המצות. דאס זענען די מצות: אבער אנדערע מצות טארין ניט זיין. א נביא טאר ניט זאגען נייע מצות וואס שטייט ניט אין דער תורה:

רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין איידער משה רבינו איז אוועק גיגאנגען פון דער וועלט צו גיין אין גן עדן. האט ער גזאגט צו יהושע אלע זאכען וואס דוא ווייסט ניט פרעג ביא מיר וועל איך דיר זאגען. האט יהושע גזאגט צו משה רבי האב איך דען דיך אוועק גילאזין אויף איין שעה אונ בין גיגאנגען אויף איין אנדער ארט. האסטו דען ניט געשריבען אין דיין תורה אויף מיר אונ זיין בדינער יהושע בן נון איז גיוועזען יונג אונ ער איז ניט אפ גיטאהן גיווארען פון דעם גיצאלט וואו משה האט גילערנט. איז באלד שוואך גיווארען דער כח פון משה. ווייל ער האט גיזעהן אז יהושע איז אזוי גרוים אין חכמה ווי ער. אונ עס איז באלד פר געסין גיווארען פון יהושע דריי הונדערט דינים אין גאנצען. אונ אויף זיבען הונדערט דינים איז איהם גיווארען ספקות. ער האט ניט געוואוסט וויא דער דין איז. האבען אלע יודען גיוואלט הרגנן יהושען ער זאל זייא זאגען דיא פאר געסענע דינים. האט גאט גיזאגט צו יהושע איך זאל דיר זאגען די אלע דינים וואס דיר פעלט אונ וואס דוא ווייסט ניט. קען איך ניט. נאר גיי בשעפטיג דיא יודען מיט אמלחמה. וועלין זייא דיך אפ לאזין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער נאך וויא משה איז גישטארבען האט גאט גזאגט צו יהושע ער זאל מיט דיא יודען אריבער גיין דעם ירדן אונ מלחמה האלטען מיט די פעלקער פון ארץ ישראל:

אין אברייתא האבען מיר גילערנט טויזענד מיט זיבען הונדערט קל וחומרים אונ גזרות שוות אונ דקדוקי סופרים זענען פאר געסין גיווארען אין דיא צייט וואס מען האט גיטרויערט אויף משה רבינו. רבי אבהו זאגט פון דעסטוועגין האט עתניאל בן קנז צוריק אפ גילערנט די אלע גזרות שוות אונ קל וחומרים מיט זיין שכל וואס ער האט גיקלערט אין דער תורה. אזו ווי עס שטייט אין פסוק עתניאל בן קנז דער ברודער פון כלב האט איין גענומען קרית ספר נדיא שטאט מיט ספרים. דאס מיינט מען ער האט גילערנט דיא אלע דינים וואס זענען פר געסין גיווארען אין דיא צייט ווען מען האט גיטרויערט אויף משה. אונ כלב האט גיגעבין זיין טאכטער עכסה צוא עתניאל פאר אווייב. פאר וואס האט מען זיא גירופען עכסה. רבי יוחנן זאגט דיא

אותיות

עכסה: ותצנח. לשון מיתה צועקת: שאין בו אלא תורה בלבד. שבתורה נמשלה מים ועתניאל לא כיה עסיל אלא תכם. (וכיינו דכתיב קרית ספר): ממגב. תלב וינכ מכל טוב: גלות מים. כתורה כלומר אדם שבתורה גלויה לו: (שכל רזי עולם וכו׳. שבתורה גלויה לו): יבקש ממנו מזונות. דהאי וזאי לא יצטרך דכתיב גם סיתכ כלגיום סוחר וגו׳: מרכנו

כועס על אשתו. (שם) ויהי בבואה ותסיתהו לשאול מאת אביה שדה ותצנח מעל החמור וגו׳ אמר רבא א״ר יצחק אמרה לו וכה המור זה כיון שאין לו מאכל באבוסו מיד צועק אף אשה כיון שאין לה תבואה בתוך ביתה מיד צועקת. והאמר הנה לי ברכה כי ארץ הנגב נתתני בית שכנוגב ככל טובה. ונתתה לי גלות מים אדם שאין בו אלא תורה בלבד. ויתן לה את גלות עליות ואת גלות התחתיות אמר לה מי שדר עליונים ותחתונים יבקש ממנו מזונות. וכלב בן קנז הוא והא בן יפונה הוא מאי יפונה שנפנה מעצת המרגלים ואכתי בן קנז בן חצרון הוא דכתיב (דה״א ב) וכלב בן חצרון הוליד את עזובה אמר רבא חורגיה דקנז הוה דיקא נמי דכתיב בן יפונה הקנזי ולא כתיב בן קנז ש״מ. הנא הוא עתניאל הוא יעבץ ומה שמו יהודה אחי שמעון שמו עתניאל שענאו אל יעבץ שיעץ ורבץ תורה בישראל ומנ״ל דענאו אל דכתיב (שם ד)

ויקרא

---

אותיות עכסה זענען דיא אותיות בעס. דער מענטש וואס האט געזעהן דיא עכסה איז ער אין כעס געווארען אויף זיין ווייב. פאר וואס זיא איז ניט אזוי שיין וויא דיא עכסה. עס שטייט אין פסוק ווען זיא איז געקומען האט זיא איהם אן גערעט ער זאל בעטען פון איר פאטער א פעלד: ותצנח מעל החמור. האט זיא אנגעשריא געטאהן פון דעם אייזיל: רבא האט געזאגט פון רבי יצחק וועגין זיא האט געזאגט צו איר מאן אזוי וויא דער אייזיל אז ער האט ניט קיין עסין אין זיין קארעטע שרייט ער באלד. אזוי א אשה אז זיא האט ניט קיין תבואה אין שטוב שרייט זיא באלד. האט עכסה געזאגט צום פאטער גיב מיר א קוואל וואסער ווארום דוא האסט מיר געגעבין א טרוקענע לאנד. דוא האסט מיר געגעבין א שטוב וואס איז טרוקען פון אלעם גוטען. דוא האבסט מיר געגעבין קוואלען וואסער. דוא האסט מיר געגעבין א מאן וואס ער האט ניט מער נאר תורה אליין: אבער פרנסה האט ער ניט. האט דער פאטער איר געגעבין דיא אויבערשטע קוואלען אונ דיא אונטערשטע קוואלען: ער האט צו איר געזאגט דוא זאלסט בעטין פרנסה פון דעם וואס וואהנט הויבען אונ אונטען. פון גאט:

פרעגט דיא גמרא איז דען כלב געוועזן דער זוהן פון קנז. ער איז דאך געוועזן דער זוהן פון יפונה. ענטפערט דיא גמרא יפונה איז ניט געוועזן דער נאמען פון זיין פאטער נאר מען דאט גירופען דעם כלב יפונה ווייל יפונה איז דער טייטש אפ קערין. ווייל כלב האט זיך אפ געקערט פון דיא עצה פון דיא מרגלים: פרעגט דיא גמרא איז דען כלב געוועזן דער זוהן פון קנז ער איז דאך געוועזן דער זוהן פון חצרון. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק כלב דער זוהן פון חצרון האט גימאכט געבארין דיא עזובה. ענטפערט דיא גמרא דער פאטער פון כלב האט טאקי געהייסען חצרון. נאר חצרון איז געשטארבען האט די מוטער פון כלב גענומען איין אנדער מאן ער האט געהייסען קנז. איז כלב געוועזן א שטיף זוהן פון דעם קנז. אונ ער איז גירופען געווארין אויף זיין נאמען. איין בעווייזונג איז ווארום עס שטייט אין פסוק כלב בן יפונה הקנזי. אונ עס שטייט ניט בן קנז (דער זוהן פון קנז). ווייל ער איז ניט געוועזן דער זוהן פון קנז. נאר א שטיף זוהן:

מיר האבען גילערנט עתניאל איז דער זעלביגער וואס יעבץ. אונ וויא איז געוועזן זיין אמתר נאמען. יהודה דער ברודער פון שמעון. עתניאל האט מען איהם גירופען ווייל שענאו אל. גאט האט איהם געענטפערט. יעבץ האט מען איהם גירופען ווייל ער האט געגעבין עצות אונ ער האט געמערט פיל תורה ביא דיא יודין. אונ פון וואנעט ווייסען מיר אז גאט האט איהם געענטפערט. ווארום עס שטייט אין פסוק יעבץ האט גירופען צום גאט פון דיא יודען אונ ער האט געזאגט אויב דוא וועסט מיך בענטשין (מיט תורה). אונ דוא וועסט מערין מיין גרענעץ

מיט

ויקרא יעבץ לאלהי ישראל לאמה אם ברך תברכני וגו' אם ברך תברכני בתורה והרבית את גבולי בתלמידים והיתה ידך עמי שלא ישתכח תלמודי מלבי ועשית מרעה שיזדמנו לי רעים כמותי לבלתי עצבי שלא ישגבני יצה"ר מלשנות אם אתה עושה כן מוטב ואם לאו הריני הולך בנסיסי לשאול מיד ויבא אלהים את אשר שאל כיוצא בדבר אתה אומר (משלי כט) רש ואיש תככים נפגשו מאיר עיני שניהם ה' בשעה שתלמיד הולך אצל הרב ואומר לו למדני תורה אם מלמדו מאיר עיני שניהם ה' ואם לאו (שם כב) עשיר ורש נפגשו עושה כלם ה' מי שעשאו חכם לזה עושה אותו טפש טפש לזה עושה אותו חכם זו משנת ר' נתן ר"י הנשיא אומר אם ברך תברכני בפריה ורביה והרבית את גבולי בבנים ובבנות והיתה ידך עמדי במשא ומתן ועשית מרעה שלא יהא בי מיחוש ראש ומיחוש אזנים ומיחוש עינים לבלתי עצבי שלא ישגבני יצה"ר כלשנות אם אתה עושה כן מוטב ואם לאו הריני הולך בנסיסי לשאול ויבא אלהים את אשר שאל כיוצא בדבר אתה אומר רש ואיש תככים נפגשו וגו' בשעה שעני הולך אצל בעה"ב נאומר פרנסני אם מפרנסו

הורגו. כן אתה: שלא ישגבני יצר הרע מלשמה. שלא יבטלני מלמוד תורה: בנסיסי לשאול. כשאהיה לקבר וכריתי מה ויתעלבו מתלמידי ואתגנסתי: כיוצא בדבר אתה אומר. שכל המוסר עצמו לחזור אחר תורה ממלאין לו משאלותיו: תככים. כיפי שאינו חכם גמור: מאיר עיני שניהם. שאף הרב צריך עדיין לימוד ומלמדו הקב"ה: עושה טפיש. עכשיו הוא מתחיל לטעום חדשים לזה חכם ולזה טיפש: כיוצא בדבר וכו'. שהמבקש על מזונותיו ועל צרכיו שמזקקין לו מן השמים למלא משאלותיו:

---

(מיט תלמידים). אונ דיין האנט וועט זיין מיט מיר (מיין לערנען וועט ניט פאר געסין ווערין פון מיין הארץ). אונ דוא וועסט מאהן צו מיר חברים (עס זאלען זיך בהעפטען צוא מיר גוטע פריינד אזעלכע וויא איך בין). דוא זאלסט מיך ניט טרויעריג מאכען (דער יצר הרע זאל זיך ניט שטארקען אויף מיר מיך צו שטערין פון מיין לערנען). אויב דוא וועסט צוא מיר אזו טאן איז גוט. אונ אויב ניט וועל איך גיין מיט מיין טרויער ביז אין קבר. האט גאט איהם באלד גיגעבען וואס ער האט גיבעטען. נאך אזוי אגלייכען געפינען מיר. אז דער וואס וויל לערנען תורה גיט איהם גאט וואס ער וויל. עס שטייט אין פסוק רש ואיש תככים נפגשו מאיר עיני שניהם ה'. דער פסוק מיינט אזוי. אז א תלמיד גייט צו א רבי אונ ער זאגט צוא איהם לערין מיט מיר תורה. (דער תלמיד ווערט גירופען רש. ער איז ארעם אין דער תורה. אונ דער רבי ווערט גירופען איש תככים. א מיטעלער מענטש. ער קען לערנען. עס איז אבער דא פיל תורה וואס דער רבי קען נאך אויך ניט. נפגשו. אויב זייא בגעגענען זיך. דער תלמיד קומט צו דעם רבי. אונ דער רבי לערונט מיט איהם. מאיר עיני שניהם ה'. מאכט גאט לייכטען דיא אויגען פון ביידע אין דער תורה. גאט לערונט מיט דעם רבי אונ דער רבי לערונט מיט דעם תלמיד. אונ אויב דער רבי וויל ניט לערנען תורה מיט דעם תלמיד. עשיר ורש נפגשו עושה כלם ה'. דער רבי וואס ער מיינט ער איז רייך אין דער תורה בגעגענט זיך מיט דעם תלמיד וואס ער איז ארעם אין דער תורה. אונ דער רבי לערונט ניט מיט דעם תלמיד. מאכט גאט ביידע פאר נייע מענטשין. דער רבי וואס ער איז גיוועז ביז איצט א חכם. מאכט איהם גאט פאר א נאר. ער זאל זיין לערנען פאר געסין. אונ דער תלמיד וואס ער איז ביז איצט גיוועזן א נאר מאכט איהם גאט פאר א חכם (ער זאל קענען לערנען). אזוי האט גילערונט רבי נתן. רבי יהודה הנשיא זאגט אזוי האט יעבץ גיבעטין אויב דוא וועסט מיך בענטשין מיט קינדער אונ דוא וועסט מערין מיין גרענעץ מיט זיהן אונ מיט טעכטער אונ דיין האנט וועט זיין מיט מיר איך זאל בגליקען אין מיין האנדיל. אונ דוא וועסט מיך היטען פון שמערצין. מיין קאפ אונ מיינע אויערין אונ מיינע אויגען זאלען זיין גיזונד. אונ איך זאל ניט טרויערין. דער יצר הרע זאל זיך ניט שטארקען אויף מיר מיך צוא שטערין פון מיין לערנען. אויב דוא וועסט אזוי טאהן איז גוט. אונ אויב ניט וועל איך גיין מיט טרויער אין גרוב. האט גאט איהם גיגעבין וואס ער האט גיבעטען. נאך אזוי אגלייכען האט שלמה המלך גזאגט. אז א ארעם מאן קומט צוא

אבעל

מפרנסו מוטב ואם לאו עשיר ורש נפגשו עושה כולם ה' מי שעשאו עשיר לזה עושה אותו עני עני לזה עושה אותו עשיר :

## סליק מסכת תמורה

# מסכת כריתות

פרק ראשון

(דף ו) **א אמר** להו רב משרשיא לבניה כי בעיתו למיזל למגמר קמי רבכון גרסו מעיקרא מתני' והדר עולו קמי רבכון וכו' :

(ע"ב) **ב אמר** מר כשהוא שוחק אומר הדק היטב היטב הדק מסייע ליה לרבי יוחנן דאמר רבי יוחנן כשם שהדבור רע ליין כך הדבור יפה לבשמים :

(שם ע"א) **ג ת"ר** פטום הקטרת הצרי והצפורן וכו' . (ע"ב) א"ר יוחנן י"א סמנין נאמרו לו למשה בסיני א"ר הונא מאי קראה (שמות ל) קח לך סמים וגו' וכו' . אמר רב חנא בר ביזנא אר"ש חסידא כל תענית שאין בה מפושעי ישראל אינו תענית שהרי חלבנה ריחה רע ומנאה הכתוב בין סמני הקטרת אביי אמר מהכא (דף ז ע"ב) (עמוס ט) ואגדתו על ארץ יסדה .

פירוש

פרק סימן היטב הדק. המתמונה אומר כן לשוחק : דבור רע ליין . במסכת מנחות בפרק כל הקרבנות: ואגודתו. משמע כשכולם ביחד אז על ארץ יסדה :

ת"ר

---

א בעל הבית און ער בעט בייא איהם ער זאל איהם עפעס געבין . אויב דער בעל הבית גיט איהם איז גוט . און אויב ניט עשיר ורש נפגשו אז ארי כער בגעגינט זיך מיט אארעמען און דער רייכער גיט נאר ניט דעם ארעמען : עשה כלם ה' . מאכט זייא נאט פאר נייע מענטשין דער וואס איז גיוועין ביז איצט רייך . מאכט איהם גאט ארעם . און דער וואס איז גיוועין ביז איצט ארעם מאכט איהם גאט רייך :

## פרק ראשון

**א** אמר . רב משרשיא האט גזאגט צו זיינע קינדער אז איר וועט וועלין גיין לערנען פר אייער רבי . זאלט איר פריער גוט לערנען דיא משנות . דער נאך זאלט איר גיין צוא אייער רבי :

**ב** אמר . דער תנא האט גזאגט ווען מען האט גישטויסען דיא בשמים . האט דער גבאי גזאגט צום שטויסער שטויס גוט גוט זאלסטו שטויסען . צוא וואס האט מען דאס גיבארפט זאגן . דער שטויסער האט דאך שוין גיוואוסט אז עס דארף זיין דין גישטויסען . נאר אזוי וויא רבי יוחנן האט גזאגט אזוי וויא דאס ריידען איז שלעכט צוא וויין . אזוי איז דאס ריידען גוט צוא בשמים ווען מען טרינקט פיל וויין איז ניט גוט אז מען רעט . ווארום מען רעט וואס עס טויג ניט צום ריידען . און אז מען שמעקט אגוטען ריח פון בשמים ווערט גיעפינט דער שכל . דאמאלס איז גוט צוא ריידען . ווארום מען וועט ריידען חכמות . און בשמים וואס דינער מען שטויסט שמעקט בעסער :

**ג** תנו רבנן . דיא רבנן האבען גירעדט פטום הקטורת הצרי והצפורן . רבי יוחנן זאגט עלעף ערליי בשמים האט ג-ט גזאגט צו משה אויף דעם בארג סיני זאל זיין אין דיא קטורת אזוי וויא עס שטייט אין די סדרה תשא . רב חנא בר ביזנא הט גזאגט פון רבי שמעון חסידאס ווענין דער תענית וואס פושעי ישראל פאסטען ניט מיט . איז ער ניט קיין תענית . ווארום חלבנה האט אשלעכטען ריח און דער פסוק זאגט אז חלבנה מוז זיין צווישען דיא בשמים פון קטורת . און אז חלבנה איז ניטא טאר מען ניט מקטיר זיין דיא קטורת . אביי זאגט דאס ווייסען מיר פון דעם פסוק ואגדתו על ארץ יסדה . אז אלע יודען וועגען צו זאמען גיבונדען . בלייבען זיי

שוין